STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13391

# DOS GOLDENE INGELE

David Ignatoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד אָפּאַטאָשו

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען



# דאָס גאָלדענע אינגעלע

...ישע ביבליאָטעק
אין פּרעסע אַרכיוו

געדרוקט אין
פינסקי־מזיל פרעס.



פארלאג אמעריקא

Copyright, 1921
by
Farlag America

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו



און נאך ביז אויפ'ן היינטיגען טאג טרעפט, אז ווען מען קוקט זיך איין אויפ'ן ברעג הימעל דערזעהט מען צווישען די פילע אנ-דערע געשטאלטען אויך דעם גליקליכען בלינקען מיט זיין גאלדענע אייגעלע.

# די מעשה מיט'ן גאָלדענעם אינגעלע

ערגעץ צווישען טייכען ביי א טייך האָבען גע־וואוינט א טאטע מיט א מאמען און זיי האָבען געהאַט איין־איינציג קינד — א קליין אינגעלע.

איז איינמאָל דאָס אינגעלע צוגעגאנגען צום ברעג טייך און דערזעהן ווי אינ'ם וואסער שפּאַצירט זיך אום א גאָלדען אינגעלע. האָט דאָס קינד אויפגעפּאַטשט מיט די הענטלאך און איז אריינגעשפּרונגען אין טייך נאָך דעם גאָלדענעם אינגעלע.

האָבען אָבער גוטע מענשען דערזעהן ווי דאָס אינגעלע איז אין וואסער אריינגעפאלען, זענען זיי גע־קומען צולויפען און האָבען דאָס קינד אַרויסגעראַטע־וועט און עס געבראַכט צוריק צו זיין טאַטען און צו זיין מאַמען. איז דאָס אינגעלע עטליכע טעג געלעגען קראנק אין בעט, אָבער דערנאָך, אז עס איז צוריק גע־זונט געוואָרען, האָט דאָס אים גענומען ציען צוריק צום טייך.

— איך וויל צום גאָלדענעם אינגעלע — האָט ער געהאלטען אין איין שרייען.

אז טאטע־מאמע האָבען א קוק געטאָן, אז ס'איז שלעכט, האָבען זיי זיך דערשראָקען; האָבען זיי פאר־לאָזט דאָס אָרט מיט די טייכען און זיך באַזעצט אין א

שטאָט אָהן טייכען; אָבער אַזוי ווי דאָס קינד איז גער וואקסען, אַזוי איז אינאיינעם מיט'ן קינד אויך געוואקסען זיין בייגקעניש נאָכ'ן גאָלדענעם אינגעלע.

אויגען האָט דאָס קינד געהאַט שווארצע, ביסטרע, זענען זיי נאָך שווארצער און ביסטרער געוואָרען. און אַז ער איז עלטער געוואָרען האָט ער פארלאָזען טאַטע מאַמע און איז אַוועק אין דער וועלט אריין זוכען דאָס גאָלדענע אינגעלע.

האָט ער לאַנג געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, פון טייך צו טייך, געקוקט און גער זוכט מיט זיינע אויגען, געזוכט און געקוקט און האָט אַלץ ניט געקאָנט געפינען דאָס גאָלדענע אינגעלע.

און איינמאָל, געהענדיג אַזוי און זוכענדיג, האָט דער יונגערמאַן מיט די ביסטרע, זוכענדיגע אויגען באַגעגענט אַ קלוגען אַלטען, רופט ער זיך צו אים אָן:

— קלוגער אַלטער! — אַמאָל ווען איך בין נאָך געוועזו אַ קינד, בין איך צוגעגאַנגען צום ברעג טייך, די זון האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעהויבען איר בער'ן וואַסער און איך האָב דערזעהן ווי אינ'ם וואַסער געדהט אום אַ גאָלדען אינגעלע.

איך האָב מיך געהאַט געלאָזט צו אים. אָבער מענשען האָבען מיך געכאַפּט אויפ'ן מיטען און פון וואַסער ארויסגעשלעפּט און פון דעמאָלט אָן זוך איך און זוך און קאָן ניט געפינען דאָס גאָלדענע אינגעלע. קלוגער אַלטער! קאָנסטו מיר זאָגען וואו איך קאָן ווידער זעהן דאָס גאָלדענע אינגעלע?

---

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

דער קלוגער אַלטער האָט אויפגעהויבען זיינע לאַנגע גרויע ברעמען, האָט באַטראַכט דעם מאָדנעם מענשען מיט די ביסטרע שוואַרצע אויגען און געזאָגט:

— קינד מיינס! וואָס האָסטו זיך איינגערעדט? דו ביזט דאָך שוין אַ דערוואַקסענער מענש, ווייסטו דען ניט, אַז דאָס זענען בלויז אויסגעטראַכטע זאַכען?

ער אָבער האָט אים געענטפערט און געזאָגט:

— קלוגער אַלטער! דו הערסט דאָך, אַז דאָס איז ניט אויסגעטראַכט, דו הערסט דאָך, אַז איך האָב דאָס אַליין געזעהן. איך שווער דיר.

האָט דער אַלטער פון דאָס ניי אויפגעהויבען זיינע גרויע ברעמען און זיך לאַנג און גוט איינגעקוקט אין דעם יונגענמאַן און געזאָגט:

— וואויל, מיין קינד! איך האָב פאַר דיר אַ גוטע עצה. דו ביזט נאָך יונג און שטאַרק און די וועלט איז ברייט און גרויס. לאָז זיך אַרייז אין איר, ווער רייך, זאַמעל אָן אַ סך גאָלד און זילבער, דימענטען און טייערע שטיינער, נאָכדעם וועסטו נעמען דעם בעסטען גאָלד־גיסער, וועט ער דיר פון דיינע אוצרות מאַכען אַ גאָלדען איינגעלע.

איז ער אַוועק און האָט געפאָלגט דעם קלוגען אַלטען, ער האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דער ברייטער גרויסער וועלט, זיך גענומען פלייסיג טאָן, האַנדלען, וואַנדלען.

און אַזוי זענען אַוועק יאָרען און יאָרען נאָך יאָרען.

---

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

ביז ער האָט אָנגעזאַמעלט גרויסע אוצרות. ביז ער איז גרויס און רייך און שטאַרק געוואָרען.

האָט ער דענסטמאָל זיך געלאָזט אַראָפּברענגען דעם בעסטען גאָלדשמיט אין דער וועלט און יענער האָט פאַר אים געמאַכט אַ וואונדערליך בילד פון טייערע בלויע שטיינער. און פון מיטען פון דעם בלויען בילד איז אויפגעגאַנגען אַ וואונדערליך שיינענדיגע זון אויסגעזעצט פון די שענסטע דימענטען וואָס די וועלט פאַרמאָגט, און אונטען און אין מיטען זענען זיך די שטראַלען פון דער זון וואונדערליך צונויפגעקומען מיט קווייטען פון צעפּלאָסענעם גאָלד און זילבער און מיט קווייטען פון פאַרשידענפאַרביגע טייערע שטיי־נער, און האָבען זיך אַזוי איבערגעפלאָכטען, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי פון צווישען די בלויע געשליפענע שטיינער שיסט אַרויס אַ גליקליך־שיינענדיג אינגעלע.

לאַנג האָט געדויערט ביז דאָס אינגעלע איז פאַר־טיג געוואָרען. און ווען עס איז פאַרטיג געוואָרען האָט מען עס אַריינגעבראַכט אין אַ טייערען זאַל. נאָכדעם האָט מען דעם רייכען מענשען איבערגעגעבען דעם שליסעל און אָנגעזאָגט, אַז דאָס גאָלדענע אינגעלע וואַרט שוין אויף אים אין יענעם זאַל.

ווען ער האָט דעם שליסעל אין שליסעל־לאָך אריינ־געשטעקט, האָט אים אין האַרץ געקלאַפּט ווי מיט שווערע האַמערס.

אַט־אַט, און ער וועט זעהן דאָס גאָלדענע אינ־געלע!

נאָך אַזויפיל יאָרען פון שווערען בענקען, מי און

---

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

פיין! טרערען האָבען אים זיינע אויגען פארגלאנצט. די הענט האָבען אים געציטערט און דער שליסעל האָט קוים אין שלאָס געקענט אריינטרעפען.

אָבער, ווי נאָר ער האָט די טיר געעפענט, ווי נאָר ער האָט די שוועל אריבערגעשפרייזט, ווי נאָר זיינע ביסטרע אויגען האָבען אויפ'ן בילד אַ בליק געגעבען, איז ער ווי פארשטיינערט געוואָרען, זיין הארץ האָט זיך פאַר שרעק אין זיין ברוסט אָפּגעשטעלט.

איז דאָס דען דאָס גאָלדענע אינגעלע? אָט דאָס, האָט ער עס דען אַזוי לאַנג געזוכט?! דאָס איז דאָך אַ פרעמדס, אַ נאָכגעמאַכטע זאַך.

אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַר־שטיינערטער און מיט ווילד צעשראָקענע בליקען גע־שטאַכען דאָס נאָכגעמאַכטע אינגעלע, וואָס האָט צו אים פון גרויסען בילד געקוקט.

נאָכדעם האָט ער ביטער אַ שמייכעל געטאָן און אַזוי שמייכלענדיג איז ער צוגעגאַנגען צום בילד, מיט'ן נאָכגעמאַכטען גאָלדענעם אינגעלע, האָט אויפגעהויבען זיין האַנט און אַראָפּגעלאָזט אַזאַ בייזען קלאַפּ דעם דימענטען מענשעלע, אַז דאָס גאַנצע בילד איז זיך אין שטיקער צעפלויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לאַנג האָט ער נאָכדעם געוואַנדערט איינער אַליין אַ צערייצטער און אַ בייזער, ביז איינמאָל האָט אים צווישען ווייטע וועגען ביי אַ וועג באַגעגענט אַ בלינדער בעטלער.

---

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

איז אים איינגעפאלען זיך ווענדען צו אָט דעם בלינדען.

און דער בלינדער האָט אים אויסגעהערט און צו אים פריער פון אלץ געזאָגט:

— זיי וויסען, אַז די וועלט איז פול מיט ווייסטע טעג און שווארצע נעכט. האָט גאָט דערפאר געגעבען די זון מיט איר גאָלד און די לבנה מיט איר זילבער. מענשען ווילען אָבער וויט ניט געהן, באַגעגענט זיי דער קלוגער אלטער. ער איז קלוג און ער מיינט יעדענס טובה און ער האָט אויך דיין טובה געמיינט. אויף דער וועלט אָבער זענען פאראן זאַכען, וואָס קלוגע און זעהענדיגע ווייסען ניט און קינדער און בלינדע ווייסען יאָ.

און נאָכדעם האָט דער בעטלער אים געזאָגט, אַז ער זאָל געהן צו דעם טייך פונ׳ם וויטען לאַנד. דאָס איז דאָס לאַנד פון אַלע לענדער און דאָס וואסער צעגיסט זיך פון דאָרט און צעשפרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט.

און דאָרטען — האָט ער אים אָנגעזאָגט — זאָלסטו געהן ביים ברעג אַזוי לאַנג און אַזוי וויט ביז דו וועסט קומען צו אַן אָרט וואו פון שאָף ווערען לייבען און פון לייבען ווערען שאָף. דאָרטען זאָלסטו אויפזוכען אַזאַ און אַזאַ שטיין. לעבען שטיין וועט דיר שוין געגעבען ווערען דער אמת׳ער צייכען. און נאָכדעם, ווי נאָר די זון וועט אויפגעהן אין עק הימעל, וואָס איבער׳ן וואַסער, זאָלסטו אַרויפקריכען אויפ׳ן שטיין און זאָלסט זיך מיט דיינע אויגען איינעסען אין דער זון און דו

---

זאָלסט דיינע אויגען ניט אַראָפּנעמען פון דער זון ביז פאַרנאַכט. און ערשט נאָכדעם, אַז די זון וועט זיך אין דיר אײַנגאַנצען אַרײַנשפּיגלען, וועסטו פאַר זיך דערזעהן דיין גאָלדען אײַנגעלע.

— געדענק אָבער, מיין פריינט, — האָט צו אים דער בלינדער צום סוף געזאָגט. — געדענק, אַז דער וועג איז זעהר אַ שווערער. אַ סך וועלען גלייך מיד און קערען זיך באַלד אום, און אַ סך געהען און געהען ביז זיי הערען אויף צו גלויבען, אַז מען קאָן ··· אַמאָל אַהין קומען, גיבען זיי אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזען זיך צוריק. און געדענק אויך, אַז צו קוקען אין דער זון איז זעהר, זעהר שווער.

אָבער דער מענש מיט די ביסטרע שוואַרצע אויגען האָט געענטפערט:

— האָב קיין מורא ניט, — דו גוטער בלינדער! און פאַר דיין קלוגער עצה זיי מיר געבענשט, זיי מיר טויזענט מאָל געבענשט! גיב מיר דיין האַנט און גיב מיר דיין ברכה.

האָט אים דער בעטלער געגעבען זיין האַנט און האָט אים געבענשט און האָט אים נאָך באַגלייט אַ קליין שטיק־וועגס, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַן אָרט וואו די וועגען טיילען זיך פאַנאַנדער. האָבען זיי זיך געזעגענט און האָבען זיך צעשיידט.

האָט דער מענש מיט די ביסטרע אויגען נאָכדעם לאַנג געוואַנדערט, ביז ער האָט אויפגעזוכט דאָס לאַנד פון אַלע לענדער. און לאַנג איז ער נאָכדעם געגאַנגען מיט'ן ברעג פון דעם אַתענדליך גרויסען וואַסער. און

---

גאָלד און זילבער אין בריליאַנטען

טעג זענען געקומען און זענען אוועק און ווייסע שיפען זענען אויפ'ן גרויסען, בלויען וואסער געקומען צו שווימען און זענען רואיג אוועקגעשוואומען.

און דער ברעג האט זיך פאר אים אלץ געצויגען ווילד און וויסט און ווייט.

ביז איינמאל איז ער געקומען צו אן ארט, וואו דערנער און שפיציגע שטיינער האבען גענומען בייז שטעכען זיינע הענט און פיס און בייזע צווייגען האבען גענומען שטעכען און רוקן זיין פנים און זיין לייב.

און ער האט אלץ ניט אויפגעהערט צו געהן ווייטער און ווייטער.

און ווען ער האט צום סוף געפונען א ליידיגען פלאץ איז שוין געווען נאכט און די לבנה איז שוין ארומגעשוואומען איבער'ן וואסער.

האט ער זיך א מידער צוגעזעצט און גענומען קוקען פאר זיך אויפ'ן ברייטען, ווייטען וואסער און אויף דער ציטערדיגער לבנה, וואס האט פונקט אנט־קעגען אים ארויסגעקוקט פון דעם וואסער און באלד האבען זיך אים די מידע אויגען צוגעשלאסען.

אבער מיט פארמאכטע אויגען האט ער נאך אלץ געזעהן די לבנה און דאס וואסער... די לבנה איז אלץ גרעסער און גרעסער געווארען און אט האבען זיך איבער איר באוויזען צוויי צעשטראלטע הערנער... און נאכדעם איז פון דער לבנה מיטאמאל געווארען א הויכע און שטארקע געשטאלט מיט א הויכען שטער קען אין האנט און די צוויי צעשטראלטע הערנער האבען ארויסגעשאסען פון דעם געשטאלט'ס שטערן.

## גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

דאָס געשטאַלט איז אינגאַנצען געווען ווי פון לבנה־זילבער און איז געווען איינגעהילט אין אַ הימעל־בלויען קלייד און האָט געהאַט אַ ברייט צעוואַקסענע באָרד און עפּעס אַזוינע ברייטע און ווילד צעוואַקסענע ברעמען.

די גרויסע ווילדע ברעמען האָבען אָבער די אויגען נים פאַרדעקט — און די אויגען האָבען פון אונטער זיי אַרויסגעקוקט מורא'דיג גרויס און ווייט.

ווייט אינ'ם מורא'דיג ברייטען און לויטערען וואַסער, אונטער די כמעט באַרוועסע פיס פונ'ם גע־שטאַלט, האָט זיך געשפּרייט אַ ווייס פעלד און אויף דעם ווייסען פעלד האָבען זיך געפּאַשעט ווייסע שאָף: אָבער זוי נאָר דער בליק פונ'ם געשטאַלט איז געפאַלען אויף די שאָף, אַזוי איז פון די שאָף באַלד ווי דורך אַ כישוף לייבען געוואָרען... און ווידער אַ בליק און די לייבען ווערען צוריק שאָף.

האָט הער זוכער פון דעם גאָלדענעם אינגעלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס זעהט ער דעם אמת'ען צייכען. און ווי נאָר ער האָט צעעפענט די אויגען האָט ער מאַקע פאַר זיך גלייך דערזעהן דעם שטיין. האָט ער זיך אָזש צעוויינט פאַר פרייד און גליק.

און גאַנץ פרי, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען איבער'ן ווייטען וואַסער, איז ער אַרויף אויף דעם הויכען שטיין און האָט זיך מיט אַ ווילדען הונגער מיט זיינע ביסטרע בליקען אין דער זון איינגעגעסען.

די זון האָט זיך צעגליט, צעברענט אַלץ פלאַמיגער

---

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

און הייסער. ער אבער האט אין איר אלץ געקוקט און געקוקט.

און אזוי האט ער געקוקט דעם גאנצען טאג, ביז פארנאכט, ביז... ביז די אויגען זענען אים אויס־געריינען.

טו ווי קען ער שוין איצט קענען זעהן דאס גאל־דענע אינגעלע, אז ער איז גאר בלינד ? !..

לאנג אבער האט זיין שרעקליכע זארג ניט גע־קאנט אנהאלטען, וויל א מינוט, א רגע נאכדעם ווי ער איז בלינד געווארען, האט דער ד ע ר ז ע ה ן ווי אינ'ם וואסער געהט אום דאס גאלדענע אינגעלע, זיין גאלדען אינגעלע! און עס געהט גליין צו אים! און עס איז אלץ אויפ'ן וואר. דאס וואסער, זעהט ער, קנייטשט זיך לייכט איבער'ן אינגעלע'ם גאלד גע־לאקטען קאפ און נאכ'ן אינגעלע בלייבט איבער'ן וואסער א לאנגער פאס פון ווייכע, גאלדענע וואסער רינגען.

און דאס גאלדענע אינגעלע קומט צו צום ברעג און אט איז עס שוין ארויף אויפ'ן שטיין, און אט איז עס שוין ארויף צו אים.

און א גליקליכער האט דער בלינדער אויסגע־שריען:

— אינגעלע! מיין גאלדען אינגעלע!

און דער בלינדער האט דאס אינגעלע אנגענומען פאר'ן הענטעל און דאס אינגעלע האט אים גענומען ארומפירען איבער דער וועלט.

או נאך ביז אויפ'ן היינטיגען טאג טרעפט, אז

ווען מען קוקט זיך איין אויפ'ן ברעג הימעל, ווען עס געהט אויף אָדער עס זעצט זיך ד' גרויסע גאָלדענע זון, דערזעהט מען צווישען די פיל אנדערע פארביגע געשטאַלטען אויך דעם גליקליכען בליגדען מיט זיין גאָלדען אינגעלע.

— אינגעלע, אינגעלע, ווער ביסטו?! ווער איז דיין טאַטע? ווער איז דיין טאַטע און ווער איז דיין מאַמע?..

---

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

# א גרופע מעשה'לאך פון דוד איגנאטאָוו

אונטער'ן פאָלקסטימליכען נאָמען

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

1) די מעשה מיט'ן גאָלדענעם אינגעלע

2) א שטעטעל: (דער רויטער ריז, גאָט'ס וואונדער)

3) ווינטער: (דאָס אָנקומען פון ווינטער, א ווינטער נאכט אין וואן קארטלאנד פארק, די מעשה מיט'ן חתן און דעם ווייסען וואלד.)

4) א שטאָט: (דער געפאַנצערטער ריז, דער האָרסאָן.)

נ אָ ך  אַ ל ט ע  מ ע ש י ו ת:

5) דער רמב"ם און דאָס מענשעלע

6) דער משמד און דער אָנוס

7) דער נסתר

8) די מעשה מיט די צוויי שותפים

9) בערעל פראַגער אין לבנה לאַנד

10) בערעל פראַגער אין דעם לאַנד פון ריינקייט

11) די מעשה מיט דער מלכה שבת

12) די מעשה מיט דעם אמת'ן און דעם פאלשען בן מלך

13) די פארוואָגלטע בת מלכה און דער גבור

14) פון חומש: האזינו, דאָס געזאַנג פון משה. די רייד פון בלק און פון בלעם.

FARLAG AMERICA, 215 East Bway., N. Y.